# כה תאמר לבית יעקב




**יו"ל לדגל מעמד טהורים יירשוה**
**להוקרה והערכה למשפחות 'חבר' דקהילת חסידי ברסלב**
**בנשיאות הגה"צ ר' יעקב מאיר שכטער שליט"א**

אשרינו מה טוב חלקינו. וואויל איז אונז אז אונז האבן דערגרייכט אט דעם דערהויבענעם טאג וואס אונזער קהילה - "קהילת חסידי ברסלב" שע"י מוסדות קרן אור - ווערן באצייכנט און אויסגערופן אלס אפגעזונדערט פון די שמוציגע טמא'נע גאס, מיט דעם וואס אונזער שטוב גייט ווערן באצירט און באשיינט מיט דעם "תעודת חבר" - און אזוי ווי מיר זאגן אין די הגדה ויהי שם לגוי מלמד שהיו מצויינים שם אז די אידן זענען געווען אנגעצייכנט און אפגעזונדערט פון די מצרים.

אין די טעג ליינען מיר אין די הייליגע תורה די פייערדיגע פסוקים פון יציאת מצרים און קבלת התורה "ובני ישראל יוצאים ביד רמה"!!! "והייתם לי סגולה מכל העמים"!!! "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש"!!! "אנכי ד' אשר הוצאתיך מארץ מצרים ומבית עבדים"!!! א.א.וו.

ס'איז דאך גאר גוט צוגעפאסט צו דעם חשוב'ן און דערהויבענעם מעמד "טהורים יירשוה".

די פסוקים טוהען אונז דאך דערמאנען אז אונזערע עלטערן וואס זענען געווען פארזונקען אין זוהמת מצרים טיף טיף אין די מ"ט שערי טומאה רח"ל האט זיי דער רבוש"ע ארויסגעצויגן פון דארט און דערהויבן ביז די הויכע מדרגה פון פנים אל פנים דיבר ד' עמכם - כביכול, מיטן כח פון היו מצוינים שם און "לא שינו".

און מעשה אבות סימן לבנים אז די איינציגסטע וועג זיך צו ראטעווען פון די שרעקליכע זוהמה פון די וועלטליכע סכנות איז נאר דורך זיך אפזונדערן און זיך באגרעניצן מיט שטארקע פעסטונגען.

אין דעם דערהויבענעם מעמד ווערן מיר באקרוינט מיטן תעודת חבר[1] (וואס דאס איז ווי תעודת כשרות אין פלייש געשעפט).

זה היום עשה ד' נגילה ונשמחה בו ס'איז דאך שוין אזוי ברייט באוואוסט איבער די וועלט, אוואו ס'איז נאר דא, א חבורה פון ערליכע אידן, מוטשען זיי זיך מיט די שרעקליכע מכשולות און נסיונות וואס די טעכנאלאגישע ערפינדונגען, און אלע שטעלן אוועק חומות בצורות און גדרים וסייגים, און כלל ישראל "סוגה בשושנים" היטן זיך ווי פון פייער.

די שרעקליכע מגיפה היפערט נישט קיינעם! יעדער איינער איז עלול צו געשעדיגט ווערן. ביודעים! אדער בלא יודעים רח"ל.

אבער דער עיקר נסיון אוואו מען פאלט איז ווען די רע - די אומווערדיגקייט איז צוגעדעקט און פארשטעלט מיט א שיכט [א דיקע שיכט] פון גוטס, אזוי ווי שרייבן חידושי תורה, אדער ערליכע נשות חיל וואס ווילן ארויסהעלפן אין פרנסה די מענער וואס זיצן אין ביהמ"ד א גאנצן טאג, די צוטומלטקייט קען מען נישט ענטשיידן אליין, נאר מיט אסאך סייעתא דשמיא און א

---

1 חבר איז א הגדרה פון זמן חז"ל, אויף א ת"ח וואס היט זיך בכשרות אין עניני טומאה וטהרה און "אשת חבר" כ"חבר".

קלארע דעת תורה. דער עיקר נסיון איז דאך ווען מ'ווייסט נישט קלאר און דייטליך וואס מ'האט צו טוהן וואס איז דער רע און וואס איז טוב.

א חבר'טע איז מציע צו איינקויפן דורכן אינטערנעט (אינטערנעץ), ווייל ס'איז ביליגער ס'וועט ארויס העלפן מיין מאן בלייבן ביי לערנען, אדער כדי צו איינשפארן זיך צו דרייען אין די פארטומלטע שמוציגע גאסן. עס זעט דאך אויס אזא גוטע הצעה, אבער ווער קען פארזיכערן אז מ'וועט נישט פארכאפט ווערן אין דעם אינטערנעץ!

בכלל איז א קאמפיוטער [מחשב] - נישט אזא פריינדליכע זאך אפילו אן אינטערנעט וועגן פיהלע שרעקליכע סכנות.

אויך א "תמימות'דיגע" קעמערע [מצלמה] איז שוין אנגעשטעקט מיט שרעקליכע און שעדליכע זאכן.

און אזוי איז יעדע טריט און שריט אין די היינטיגע עלעקטעראנישע וועלט, פול מיט מכשולות און ספיקות מ'מעג?! מ'טאר נישט?! ס'איז מסוכן?! ס'איז אסור?! און חוץ פון די פשוט'ע פאקטן פון יעדע מאשינקאלע, דארף מען דאך וויסן פיהלע פיהלע זאכן כדי צו קענען פעסטשטעלן ביי יעדע פאל באזונדער צו ס'איז אסור אדער מותר, צו אפשר איז כדאי מחמיר צו זיין.

דער רבוש"ע דער שומר ישראל האט אריינגעלייגט אין זיין הייליגע ליכטיגע תורה קלארע ענטפערס אויף אלע ספיקות, און טאקע תשועה ברוב יועץ די רבני הקהילות און חשובי דיינים נעמען זיך צוזאם מזמן לזמן און זענען דן און שמועסן אויס וויכטיגע ענינים העומדים על הפרק, שטעלן אוועק קלאר און דייטליך וואס איז רע און וואס איז טוב, און וואס זענען די גדרים וסייגים דערפאר.

די רבנים שליט"א שרייען און בעטן "חוסו על נפשותיכם" פארלאזט זיך נישט אויף די אייגענע פארשטאנד אין קיין איין פאל.

האט רחמנות אויף אייך און אייערע דורות, און פרעגט יעדע זאך א דע"ת, שליסט זיך אן אין א קאנטראל וואס זאל אויפזיכטן אויף אייער שטוב.

- ס'געפינט זיך אין די תמימות'דיגע כלים שרעקליכע סכנות שרבים חללים הפילו!

ס'האט שוין געקאסט אזוי פיל קרבנות מסלתה ומשמנה פון כלל ישראל, וויפל יונגע בוימאלאך זענען אויסגעריסן געווארן מן השורש רח"ל.

טייערע נשמה'לאך זענען בתמימות אריין אין דעם פינסטערן נעץ [אינטערנעץ] נישט כאפנדיג אז ס'פירט זיי צום שאול תחתית רח"ל.


## טייערע נשמה'לאך זענען בתמימות אריין אין דעם פינסטערן נעץ [אינטערנעץ] נישט כאפנדיג אז ס'פירט זיי צום שאול תחתית רח״ל.


מיט דעם וואס מ'ברענגט אריין דעם תעודת חבר אין שטוב מיינט דאס א הכשר אויף די שטוב! אונזער שטוב איז אויסגעהאלטן, און אזוי ווי מיר גייען נישט קויפן אין א געשעפט אן א הכשר, אזוי האלטן מיר זיך אפ פון צו אריינגיין אין א שטוב אן א הכשר.

מיר גייען נישט צו, נאנט צו איינעם וואס האלט טרייפענע זאכן ווייל ס'איז, מטמא און מיר האלטן זיך טהור וקדוש.

דאס איז אונזער פארזיכערונג אויף צו זוכה זיין צו השראת השכינה אין אונזער הויז.

# טייערע אשת חבר!

מאך ליכטיג דיין שטוב מיט די קלארקייט אז אין דעם נושא רירט מען נישט צו אליין, נאר מ'שטייט פעסט אויף די הוראות הרבנים שליט"א.

ווען אין שטוב איז ליכטיג און קלאר וועלן די קינדער נישט זוכן אין די פינסטערניש פון דרויסן.

געדענק! מיט דיין כח וועלן מיר קענען אפהיטן אונזערע קינדער פון די קליפה וואס איז מאיים צו פארשלעפן יעדע אידישע נשמה ווייל חכמת נשים בנתה ביתה.

טייערע מאמע! גיב אריין אין די קינדער ביי יעדע געלעגנהייט די מיאוסקייט פון די הבלי העולם, און די שעדליכקייט פון די אלע טריפה'נע כלים, וואס ברענגען צו די ערגסטע עבירות.

ווי נאריש איז דער וואס ליגט אין דעם און זאגט ס'איז נישט געפערליך אדער מיר וועט עס נישט שאטן.

ווי נידריג איז איינער וואס קען זיך נישט אפהאלטן פון די זאכן.

טייערע עקרת הבית! אין דיינע הענט ליגט די שליסל צו שאפן די פרייליכע אטמאספער אין שטוב אין די מצוה פון "לשמוע בקול חכמים" און אונזער שטאלץ אז מיר פאלגן די רבנים!

מיר זענען נישט קיין אויבער חכמים וואס האלטן אז מען פארשטייט אליין אז מיר וועלן אזוי צוגיין צו דעם געהויבענעם מעמד "טהורים ירשוה" און מיר וועלן שטאלצירן מיטן זיך מבטל זיין צום דעת תורה און נישט זיך פארלאזן אויפן אייגענעם שכל וועט דאס אונז באגלייטן לעתיד און דאס וועט באגלייטן אונזערע קינדער, אויך אין זייער נסיונות.

און אין דעם זכות וועלן מיר טאקע זוכה זיין אז כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, און זאלן זוכה זיין צו ארויס גיין פון די טומאות און ערוות הארץ אזוי ווי חז"ל זענען אונז מבטיח הבא ליטהר מסייעין אותו און המקדש עצמו מעט מלמטה מקדישין אותו הרבה מלמעלה.

און דער איבערשטער זאל העלפן אונזערע שטיבער זאלן טאקע זיין א בית ועד לחכמים מיט ליכטיגע דורות ישרים ומבורכים, בנים ובנ"ב יראי שמים עוסקים בתורה ובמצות מיט דעם כח און זכות פון אונזער הייליגן רבי'ן וואס וועט גיין פאר אונז עד ביאת גוא"צ בב"א.

# עת לעשות לד'

## דברי מורינו הגה"צ ר' יעקב מאיר שכטער שליט"א אשר דיבר אל נשות קהילתינו א' דר"ח אדר א' תשע"ו



דער זכות פון נשים צדקניות איז זייער גרויס. איינע פון די גרויסע זכותים פון די פרויען איז, אז זיי זענען מגדל און הארעווען אויף אונזערע קינדער, פון ווען די קינדערלאך ווערן געבוירן האדעווען די מאמעס זיי אויף, (24) פיר און צוואנציג שעה אין טאג זענען זיי פארנומען מיט זיי א גאנצע מעת לעת.

- אונזערע קינדער זענען הייליגע קינדער, זיי ווערן געבוירן בקדושה וטהרה!

- אונזערע קינדער זענען הייליגע קינדער, זיי זענען קינדער פון אברהם יצחק און יעקב.

- אונזערע קינדער זענען דעם אויבערשטנס מער ווי אונזערע אליין.

דאס וואס מאמעס האב ליב זייערע קינדער, נעמט נישט אראפ גארנישט פון די מצווה.

נאך גאר א גרויסע זכות האבן די פרויען, ווייל די קינדער געפינען זיך עפ"י רוב נאנט צו זיי. וועגן דעם ליגט אויף זיי די חוב צו מחנך זיין די קינדער צו אמונה און קדושה. זיי פיהרן אויף דעם וועג פון קיום התורה הקדושה. זיי איינגעוואוינען צו מאכן א ברכה אויף וואס מען עסט אדער מ'טרינקט. זיי אכטגוג גיבן זיי זאלן נישט רעדן וואס מ'טאר נישט און נישט מאכן וואס מ'טאר נישט.

און היינטיגע צייטן בפרט - וואס מיר געפוונען זיך באחרית הימים, נאנט צו די גאולה, וואס עס ווערט געברענגט אז באחרית הימים וועט נאכאמאל אראפ קומען דער דור המבול אויף דער וועלט.

און דער דור המבול - דאס איז די גרויסע און שרעקליכע פריצות וואס האט זיך פארשפרייט אויף דער וועלט, און אלע עבירות חמורות וואס מ'קען דאס זען און מיטהאלטן אין די טריפה'נע און מסוכנ'דיגע כלים וואס זענען פארשפרייט אין די וועלט מינים ממינים שונים.

מ'דארף וויסן די כלי המשחית זענען א גרויסע סכנה פאר די וועלט!

זיי פארברענען אידן! זיי פארברענען אידישע קינדערלאך!

ס'איז א שרעקליכע שריפה וואס מ'קען נישט אויסהאלטן - אוי!!!

מענטשן זענען היינט אזוי שטארק פארבונדן מיט די מסוכנ'דיגע כלי המשחית, נאך פאר נעגל וואסער אינדערפריה ווי ער שטייט אויף האלט ער שוין די כלי המשחית, אפילו אין טונקאלע קעלערן ווערט מען נכשל, מ'דארף היינט אפילו נישט ארויסגיין אין גאס צו נכשל ווערן רח"ל. ס'איז א ברענענדיגע פייער וואס פארברענט די וועלט.

געוואלד!!! מ'פארבייט די הייליגע תורה, מ'פארבייט דעם אויבערשטן כביכול, מיט אסור'דיגע ראיות פון שרעקליכע עבירות וואס מאכט ח"ו די קינדערלאך פארלירן זייער חיות אין אידישקייט, וועגן דעם ווערן זיי פארבונדן

מיט די זאכן און ס'איז זיי גורם צו מאכן גרויסע עבירות רח"ל!

[וועגן דעם דארפן די מאמעס זיי גיבן גענוג חיות און געשמאק אין אידישקייט].

ס'איז דא פרויען וואס מיינען אז ווייל זיי מעגן קוקן זיך זען אישה לרעותה איינע אויף די צווייטע, מעגן זיי שוין קוקן איבעראל אוואו ס'ווילט זיך... דאס איז א גרויסע טעות! די איסור פון "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם" איז אויך געזאגט געווארן פאר פרויען. פרויען טארן נישט קוקן אויף זאכן וואס קען ברענגען הרהורים רעים אדער מחשבות וואס מ'טאר נישט טראכטן, און אין די עבירה איז נכלל די איסור פון קוקן אין די טמא'נע כלי המשחית סיי מענער, סיי פרויען. סיי יונגע און סיי אלטע, ווייל אויך אלטע מענטשן האבן א יצר הרע.

כ'האב געהערט א מעשה [פון א מקור מוסמך] אז עפעס א משפחה האבן געקויפט פאר זייער באבא לכבוד איר 82'סטע יום הולדת א קאמפיוטער [מחשב] זי איז געווען ב"ה געזונט און שטארק, און זיי האבן דאס איהר געקויפט זי זאל קענען מיט דעם פארברענגען די צייט. און זי האט זיך פארקויפט צו די טריפה'נע אינטערנעט רח"ל! ביז זי האט זיך שוין נישט געקענט איינהאלטן פון צו קוקן אין דעם "אפילו שבת קודש"...! און פון דעם האט זי אנגעהויבן קאכן אין שבת...! ביז זי איז געווארן פשוט א מחללת שבת...! אויף דער עלטער פאר איר שטארבן...!

איהר זאלט זיך נישט וואונדערן, די כלי המשחית האבן אין זיך א כח וואס ברענגט צו פאר יונגע און פאר אלטע צו פריקת עול מלכות שמים און זיך דערווייטערן פון אויבערשטן, רח"ל!

## זיי פארברענען אידן! זיי פארברענען אידישע קינדערלאך!

## ס'איז א שרעקליכע שריפה וואס מ'קען נישט אויסהאלטן - אוי!!!

מ'דארף אסאך רחמים [מתפלל זיין] אז מ'זאל בכלל נישט אריין גיין אין דעם ווייל נאכדעם איז רח"ל זייער זייער ביטער...!

קינדער און דערוואקסענע וואס קוקן אין די כלי משחית, קומען צו עבירות רח"ל און ס'ווערט פארלאשן ביי זיי דער חלק אלוק ממעל "נעבאך".

זיי פארלירן די זיסקייט פון דעם אויבערשטן! די זיסקייט פון די תורה! זיי פארגעסן פארוואס זיי זענען געקומען אויף דער וועלט, אנשטאט זיך צו איינקויפן אידישקייט, זיך איינקויפן א חלק אין אייבערשטן אין נצחיות'דיגע לעבן - פארקויפן זיי זיך פאר שמוציגע אומווירדיגע זאכן, נישט אלע ווייסן אבער... "אוי ווי...!" וואס ס'טוט זיך אפ היינטיגע צייטן....?!

יעצט איז א צייט פון "עת לעשות לה'"! מ'דארף זיך אננעמען פאר די שכינה הקדושה! פאר דעם אויבערשטן, למען שמו יתברך! וועגן דעם דארף מען גוט אויסהערן די תקנות וואס מ'האט מתקן געווען מיט ישוב הדעת און דאס מקיים זיין!

און אין דעם זכות וואס מ'איז זיך משתדל נישט צו דערצערענען דעם אייבערשטן, און מ'נעמט זיך אן למען כבוד שמו! זאלט איהר זוכה זיין צו חיים טובים און צו בריאות הגוף והנפש, און פרנסה בריווח רב איהר זאלט האבן שמחת חיים, איהר זאלט האבן פול נחת - נחת דקדושה, נחת און גליק פון יעדן איינעם און יעדע איינע פון אייערע קינדערלאך.

און דער אייבערשטער זאל אונז שוין העלפן און אויסלייזן מיט די גאולה השלימה בקרוב, ותחזינה עינינו.

### והתקדשתם דקהילת חסידי ברסלב
### בנשיאות הגה"צ ר' יעקב מאיר שכטער שליט"א

# מעלדונג
# פאר די טייערע מיידלאך
# פון אונזערע קהילה

לכבוד דעם דערהויבענעם מעמד "טהורים יירשוה" וואס אלע נשות הקהילה וועלן א טייל נעמען און זיך משתתף זיין קומענדיגע דינסטיג פר' משפטים ביינאכט זענען מיר מודיע אויף אן עקסטערן פלאן.

יעדע מיידל וואס וועט אכטונג גיבן אויף קינדער בשעת דעם מעמד וועט באקומען אן עקסטערע באלוינונג.

און נישט קיין חילוק צו אין שטוב, צו פאר קרובים, אייגענע געשוויסטער, אדער ביי א אנדער משפחה. [איינע פאר יעדע שטוב].

מיט דעם וועט איהר אויך האבן א חלק אין דעם גרויסן כינוס לשם שמים.

## עס לוינט! עס לוינט!

מיידלאך וואס האבן א מעגליכקייט צו אכטונג גיבן אויף קינדער אין זאל (אדער אין שטובער) זאלן זיך ווענדן צו: מרת גולדמן 05331-8220

---

נ.ב. כדי צו באקומען די באלוינונג, דארף מען ארייננקלינגען פון מיטוואך משפטים ביז שבת משפטים. צום טלפון פון נשות קהילתינו 0772332360 און איבערלאזן ביי נומער 9 א קלארע נאמען און טלפון.

## כולנו כאחד
במעמד שכולו הוקדה למשפחות 'חבר'!
יום שלישי משפטים • גן ההדסים מודיעין עילית

והתקדשתם דקהילת חסידי ברסלב
בנשיאות הגה"צ ר' יעקב מאיר שכטער שליט"א

## מעלדונג וועגן בייבי סיטר

פאר די הצלחה פון דעם מעמד איז וויכטיג צו פראבירן ווי ווייט מעגליך, זיך צו טרעפן א בייבי סיטער אויף די שעות פונעם מעמד.

(זע מודעה פאר מיידלאך פאר א עקסטערע באלוינונג)

פאר די וואס מוזן ברענגען די קינדער וועט זיין צוגעשטעלט בייבי סיטער ביי דעם שטאק איבער דעם זאל פון דעם מעמד.

**נאר פאר קינדער ביז 2 יאר.**

**פאר'ן פרייז פון בלויז 10 ש"ח**

מ'וועט נישט קענען אריינעמען וועגאלאך אין זאל בשו"א.

מיט פארשטענדעניש

מעמד טהורים יירשוה

כולנו כאחד
במעמד שכולו הוקרה למשפחות 'חבר'!
יום שלישי משפטים • גן ההדסים מודיעין עילית

והתקדשתם דקהילת חסידי ברסלב
בנשיאות הגה"צ ר' יעקב מאיר שכטער שליט"א

## א וויכטיגע מעלדונג
## פאר נשות קהילתינו תחי'

- נישט ברענגען קיין גרויסע קינדער צום מעמד [פון 2 יאר און העכער].
- מ'וועט נישט קענען אריין נעמען קיין וועגאלאך אין זאל ביים מעמד.
- מ'האט בע"ה צוגעשטעלט בייבי סיטער נעבן דעם זאל פון דעם מעמד.

(זע א עקסטערע מודעה)

מעמד טהורים יירשוה

כולנו כאחד
במעמד שכולו הוקרה למשפחות 'חבר'!
יום שלישי משפטים • גן ההדסים מודיעין עילית

# כה תאמר לבית יעקב
# אלו הנשים...

**כולנו כאחד למעננו.**
**ולמען דורותינו!**



# "בקבלת התורה הקדים את הנשים לאנשים כי הנשים הכשרות הם הסיבה לתורה ויראה"

איגרת התשובה לר' יונה מגירונדי

מעמד

טהורים יירשוה

להוקרה ולהערכה למשפחות 'חבר' דקהילת חסידי ברסלב בנשיאות הגה"צ ר' יעקב מאיר שכטער שליט"א

## כולנו כאחד

במעמד שכולו הוקרה למשפחות 'חבר'!

יום שלישי משפטים • גן ההדסים מודיעין עילית